

HAMASPIK CHOICE

The MLTCP That Puts You First

# סערוויס רעגיאנען

לאקאליזירטע סערוויסעס,
וועלט־קלאסישע רעזולטאטן





HAMASPIK CHOICE

The MLTCP That Puts You First



אדמיניסטראטיווער אפיס

58 ROUTE 59, SUITE 1 MONSEY, NY 10952

**855.552.4642**

TTY: 855.854.4030

WWW.HAMASPIKCHOICE.ORG

INFO@HAMASPIKCHOICE.ORG


# פארוואס המספיק טשויס?

## עס איז נישט קיין פראגע. עס איז א לעזונג.

### אונזער פראוויידער נעטווארק

המספיק טשויס איז שטאלץ צו האבן א פירענדע פראוויידער נעטווארק וואס באשטייט פון פילע מעדיצינישע פראפעסיאנאלן, רעגיאנאלע ספעציאליסטן, סערוויס פראוויידערס און העלטקעיר אנשטאלטן. ביטע גייט צו אונזער וועבסייט כדי צו מאכן זיכער אז אייערע פראוויידערס זענען אינעם נעטווארק אויף: www.hamaspikchoice.org

### אונזערע צופרידענע מעמבערס

דער הויפט ציל פון המספיק טשויס איז צו דערגרייכן א מערקווירדיג הויכע ראטע פון פאציענט צופרידנקייט. מיט פראפעסיאנאלן וואס האבן יארן ערפארונג אין העלטקעיר, די פעאיגקייט צוצושטעלן גאר הויכע שטאפלען פון מעמבער צופרידנקייט און אן איבערגעגעבנקייט אונטערצוהאלטן די לעגענדארע המספיק רעפוטאציע, שטייט המספיק טשויס גרייט צו פארבעסערן אייער געזונט, לעבן קוואליטעט... און אייער צוקונפט אויך.

### אונזערע ענראלמענט ספעציאליסטן

ווען איר רופט, וועט איר קודם כל רעדן מיט המספיק טשויס ענראלמענט ספעציאליסטן, וואס האבן צענדליגע יארן ערפארונג אין דעם געביט פון העלטקעיר.

זיי וועלן אפשאצן אייער ענראלמענט אינפארמאציע, ארבעטן צוזאמען מיט אונזערע נוירס קעיר מענעדזשערס כדי צו באשטעטיגן אייער בארעכטיגונג פאר׳ן פלאן און מאכן זיכער אז יעדע פראגע ווערט געענטפערט.

### אונזערע נוירס קעיר מענעדזשערס

די ערפארענע המספיק טשויס נוירס קעיר מענעדזשערס זענען פאראנטווארטליך פאר די נאכאנאנדע קאארדינאציע פון די פרטים פון אייער קעיר פלאן. זיי וועלן אויפמערקזאם אנאליזירן אייער מעדיצינישן שטאטוס, שאפן א דעקונג פלאן וואס שליסט אלעס איין, זיך דירעקט פארבינדן מיט אייער דאקטער און געווי קאארדינירן טאג טעגליך אייערע העלטקעיר געברויכן כדי צו פארזיכערן אז איר באקומט הויך־קלאסישע העלטקעיר.



# אפט געפרעגטע פראגעס

## אונזער דזשאב איז צו מאכן קאמפליצירטע זאכן איינפאך

### וואס איז מיין ערשטער שריט? מעדיקעיד איז פאר מיר גאנץ ניי.

אויב מעדיקעיד קאמיוניטי־באזירטע לאנג־ טערמיניגע קעיר סערוויסעס (CBLTCS) זענען גאנץ ניי פאר אייך אדער אייער נאנטן אדער אויב איר האט נישט באקומען קיין CBLTCS פאר מער ווי 45 טעג, מוזט איר זיך פארבינדן מיט מאקסימוס (Maximus), דעם ענראלמענט בראקער פונעם ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו העלט. אן ערשטיגע בארעכטיגונג אפשאצונג וועט באשטימט ווערן מיט דעם ניו יארק סטעיט קאנפליקט־פריי אפשאצונג און ענראלמענט צענטער (CFEEC) דורך רופן 1-855-222-8350 (TTY: 1-888-329-1546). נאך די מאקסימוס אפשאצונג און בארעכטיגונג וועריפיקאציע ביטע רופט המספיק טשויס MLTCP כדי צו באשטימען א ענראלמענט אפשאצונג.



### וואס איז א מענעדזשד לאנג־טערמיניגער קעיר פלאן (MLTCP)?

אזוי ווי המספיק טשויס, איז א קא־ MLTCP, אן מיוניטי־באזירטער לאנג־טערמיניגער קעיר סערוויסעס העלט פלאן וואס איז געאייגנט כדי צו דינען ערוואקסענע וועלכע נויטיגן זיך אין לאנג־טע־ רמיניגע מעדיצינישע הילף.

### פארוואס זאל איך זיך אנשליסן אין המספיק טשויס?

אויב איר זענט מעדיקעיד בארעכטיגט און וואוינט אין אונזערע סערוויס געגנטער, קענט איר באקומען די פריווילעגיע אויסצוקלייבן המספיק טשויס פאר לאנג־טערמיניגע קעיר סערוויסעס. אויב איר זענט מעדיקעיד און מעדיקעיר בארעכטיגט און מאנדא־ טירט זיך איינצושרייבן פאר אן MLTCP, קענט איר אייך געניסן פון די פריווילעגיע זיך אנצושליסן.

### ווער איז בארעכטיגט זיך אנצושליסן אין המספיק טשויס?

איינוואוינער פון ראקלענד, אראנדזש, סאליווען, פו־ טנאם, דאטשעס אדער אלסטער קאונטיס וואס זענ־ ען 18 יאר אלט און עלטער. איר מוזט זיין מעדיקעיד בארעכטיגט און באשטימט בארעכטיגט פאר MLTC נוצנדיג א בארעכטיגונג אפשאצונג, און זיין פעאיג צוריקצוקומען אהיים אדער בלייבן אינדערהיים און אין אייער קאמיוניטי אן קיין געפאר צו אייער געזונט און זיכערהייט. איר מוזט נויטיגן זיך אין כאטש איין פון די פאלגענדע סערוויסעס פאר מער ווי 120 טעג: CBLTC סערוויסעס.

# מעמבער סערוויסעס

## ווייל איר פארדינט דאס שענסטע און דאס בעסטע

- טאג העלט קעיר פאר ערוואקסענע
- אַודיאלאגיע
- קאנסומער אנגעווייזענע פערזענליכע הילף סערוויסעס
- דענטיסטרי
- דויערהאפטיגע מעדיצינישע עקוויפמענט
- מאלצייט געליפערט אהיים
- היים געזונטהייט געהילפן
- מעדיצינישע סאציאלע סערוויסעס
- מעדיצינישע סופליען
- נישט דרינגענדע טראנספארטאציע
- נורסינג היים קעיר
- נערונג און וואוילזיין קאונסעלינג
- אקיופעישענאל טעראפי
- אפטאמעטרי
- פערזענליכע קעיר געהילפן
- פערזענליכע עמערדזשענסי רעאגיר סיסטעם
- פיזיקעל טעראפי
- פוס געזונט
- פריוואטע דויטי נורסינג
- פראסטעטיקס און ארטאטיקס
- רעספיראטארי טעראפי
- געניטענע נורסינג
- סאציאלע דעי קעיר
- סאציאלע און ענווייראנמענטאלע שטיצע אריינגערעכנט היים מאדיפיקאציעס
- רעדן און שפראך פאטאלאגיע



# וועגן המספיק טשויס

## א בעסער לעבן. דאס אלעס הייבט זיך אן דא

המספיק טשויס איז א מענעדזשד לאנג- טערמיניגער קעיר פלאן (MLTCP) וואס איז קאנטראקטירט מיט דעם סטעיט פון ניו יארק כדי צוצושטעלן אן אויספירליכן פארטפאליא פון העלטקעיר־פארבונדענע פראדוקטן און סערוויסעס פאר בארעכטיגטע מעמבערס.

געאייגנט ספעציעל פאר מעדיקעיד־בארעכטיגטע. מיטגלידער וואס נויטיגן זיך אין מער פון 120 טעג פון קאמיוניטי־באזירטע לאנג־טערמיניגע קעיר סערוויסעס און וואוינען אין דאטשעס ,אראנדזש, פוטנאם, ראקלענד, סאליוועון און אלסטער קאונטיס. די פראפעסיאנאלן אין המספיק טשויס בארימען זיך מיט יארן פון פראקטישע העלטקעיר ערפארונג און ווענדען אן אלע כוחות כדי נאכצוקומען די געברויכן פון מעמבערס און זייערע פאמיליעס.

המספיק טשויס, וואס איז אויפגעבויט געווארן אויף די פלאטפארמע פון המספיק ־ די לעגענדארע אגענטור מיט איבער 25 יאר ערפארונג ־ האט די פלאטפארמע MLTCP המספיק טשויס אנגענומען דורך לייגן א דגוש אויף צושטעלן די העכסטע שטאפלען פון מעדיצינישע פראפעסיאנאליזם, קולטורעלע סענסיטיוויטעט און פערסאנאליזירטע קעיר פאר די מעמבערס.